ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

# רשימת זכרונות

## כתובים בידי הרבנית הצדקנית

## מרת **חנה** ע״ה ז״ל

**אשת כ״ק הרה״ג והרה״ח המקובל**

## מוהר״ר ר׳ לוי יצחק

**זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע**

**הוריו של כבוד קדושת**

## אדמו״ר מנחם מענדל

**זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע**

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פארקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושתים לבריאה

נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישה**

וזוגתו מרת **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**אוריאל צבי הלוי** בן **גיטל עטל**

וזוגתו **בתי׳** בת **שרה מינדל**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי**

וזוגתו מרת **אסתר** בת **מרים**

**בנימין** בן **חדוה**

וזוגתו מרת **רבקה רחל** בת **אסתר שיינדל**

ומשפחתם שיחיו לאריכות ימים ושנים טובות

להצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב

התחלנו לחשוב על דרכים לחיות אתה בשלום. עד יום־הכיפורים היו עוד שבועיים, אבל בעלי הכין כבר לעצמו תוכניות מה לעשות ביום זה.

האשה השאירה בביתנו את הצו, ומבחינה חוקית נחשב הדבר שהיא תפסה כבר את החדר; אולם עבר שבוע ועוד שבוע, והיא לא הגיעה. כשהיתה בתה של בעלת־הבית נכנסת לחדרנו כשבפיה תביעות על המקום — הראינו לה את הצו המלמד שהמקום כבר תפוס.

אחרי יום־הכיפורים פגשה אותה מורה את בעלי, ושאלה אותו באידיש: "רבי, כיצד עבר עליכם הצום? גם אני צמתי!"...

כששאל אותה בעלי מדוע לא הגיעה להתגורר בחדרנו, היא סיפרה לו את סיפורה: כדי להציל את חייה היא הכינה לעצמה בפולין "פספורט" נוצרי, ובמשך כל התקופה חיה כפולנייה. באמצעות "פספורט" זה היא הגיעה גם לציאילי.

"כשנכנסתי אליכם" — אמרה — "וראיתי אתכם, החלטתי מיד שלא אפריע את מנוחתכם. יכולים אתם לגור בחדר בשלווה, אך שמרו את הצו שהשארתי אצלכם, ולמי שיבוא אליכם בשאלה על החדר — תאמרו שאני מתגוררת אצלכם".

— כך היו מתרחשים בחיינו פה ושם מקרים משמחים קטנים, ותמיד היה הדבר קשור עם הכבוד והיחס החיובי שהכל רחשו לבעלי, אפילו אם ראו אותו זו הפעם הראשונה בלבד. —

לאחר־מכן היתה מורה זו נכנסת אלינו מפעם לפעם להתייעץ. היא לא ידעה היכן נמצא בעלה ועסקה בחיפושים אחריו. כעבור זמן מה הגיעה וסיפרה שהיא נהגה על־פי העצות שנתנו לה, והיא עומדת כבר בקשר מכתבים עם בעלה, העובד ברפובליקה מרוחקת, גם היא ברוסיה[125].

היא עצמה עבדה כאן כמורה על סמך ה"פספורט" הנוצרי שלה; רק אנו ידענו שהיא יהודייה.

---

125) ברית־המועצות היתה מחולקת לרפובליקות אוטונומיות במידה זו או אחרת.

**Reshimas Zichronos**

KESUVIM BIDEI HARABANIS HATZIDKANIS
MARAS CHANA

INSTALLMENT 14

Published and Copyrighted © 2012
by

**Kehot Publication Society**
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / Fax (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / Fax (718) 778-4148
www.kehot.com

All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

*Manufactured in the United States of America*

נסדר והוכן לדפוס על ידי חיים שאול בן חנה

**נדפס בדפוס:** The PrintHouse 538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237 (718) 628-6700

דירות. הוכרז קיצוב קפדני על מידת המקום שאדם רשאי לתפוס. בחדרנו, על־פי חוק זה, יכולים היו לגור חמש נפשות, ואילו אנו היינו שניים בלבד.

מנהל המשרד האחראי על המגורים היה נוצרי גולה, מהנדס, שהתייחס בהדרת כבוד לבעלי. מהנדס זה היה אדם מלומד, שחיבר חיבורים משלו בתחום המתמטיקה, וכשנפגש עם בעלי מפעם לפעם היה משוחח עמו בנושא זה. בזכות יחס זה עשה המהנדס את עצמו כאינו רואה את חדרנו, ולא שלח אלינו דיירים. היתה זו טובה גדולה מאוד עבורנו.

באחד הימים הגיעה אל בעלת־הבית בתה עם שני ילדיה, ומיד החלה לשלוח מסמכים אל המחלקה לשירותים קהילתיים, במשרד שציינתי לעיל, כמובן אל אותו מנהל.

המנהל מצא עצמו בין הפטיש לסדן. מכיוון שגם הוא עצמו היה גולה, היה עליו להיות זהיר במלאכתו; ואילו אשה זו הצביעה על כך שיהודי גולה תופס חדר כה גדול לשתי נפשות בלבד, ואילו לה — פרולטרית[124] אמיתית עם שני ילדים, ובנוסף גם קומוניסטית — אין מקום להתגורר בו. היא דרשה איפוא שישכנו אותה מיד בחדרו של שניאורסון, הצמוד למקום מגורי אמה.

המנהל לא יכול היה למתוח עוד את החבל, והוא נתן לאשה אחרת — מורה במקצועה ואשה עדינת־נפש, שפנתה אליו אף היא כדי לקבל מקום מגורים ואף לה היה ילד — אישור להתגורר עמנו. לטובתנו, הוא החליט, עדיף שהיא תהיה זו שתיכנס לחדרנו.

המנהל הנפיק לה צו המורה להכניסה לחדרנו, והיא נכנסה אל בעלת־הבית (כך היה הסדר), הראתה לה את הצו, ואף הוסיפה ואמרה: "שניאורסון אינו מעוניין בדיירת נוצרייה — אני אראה לו שאגור אצלו!"

לאחר־מכן היא נכנסה לחדרנו. המצב לא היה נעים כלל, אבל מה אפשר לעשות?

היה זה קרוב ליום־הכיפורים, ואני זוכרת את בעלי מדבר אלי כשדמעות בעיניו: איך אוכל להתפלל? כל זאת מלבד שאר הבעיות — שאלת הכשרות, המגורים בחדר אחד, השימוש בכירת־בישול אחת, הילד הקטן הבוכה תמיד.

---

124) בת מעמד הפועלים.

ב"ה.

## פתח דבר

הננו מו"ל בזה חוברת יד של „זכרונות" שנרשמו ע"י הרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה, אמו של כ"ק אדמו"ר זי"ע.

בהוצאה זו, באה הרשימה כפי שנעתקה מכתב־ידה של הרבנית, ולאח"ז גם בתרגום ללה"ק, ובתוספת ציונים והערות בשוה"ג, כמבואר בפרטיות ב„פתח דבר" לחוברת הראשונה.

*

ויהי רצון שההוספה בהפצת המעיינות חוצה, תזרז את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

### מערכת „אוצר החסידים"

מוצש"ק פ' ויחי, י"ב טבת, ה'תשע"ב
ברוקלין, נ.י.

## אַ באַגעגעניש מיט אַ פאַרשיקטן רב פון פּאָלטאַווע

די קעלטן, ווי אויף־צו־להכעיס, זיינען געוואָרן גאַנץ שטאַרק, און ביי דעם ניט דערעסן, אָדער פשוט הונגערן, האָט זיך ביי אַ סך, די קראַנקייט פון דעם טיף ר״ל זיך אַלץ פאַרשפּרייט וואָס מער.

איינער פון די פאַרשיקטע איז געווען אַ פּאָלטאַוואער איד, וואָס האָט ביי זיך אין שטאָט געזאָגט עין־יעקב אין אַ שול, האָט דאָס געהייסן אַ רב (קיין רב איז שוין דעמאָלט אין פּאָלטאַווע ניט געווען), מען האָט אים אויך פאַרשיקט אין אונזער דאָרף. דער מענטש האָט זיך שרעקליך אַראָפּגעלאָזט, ער פלעגט פשוט אַרומגיין בעטן נדבות ביי אידן און ניט אידן.

איך געדיינק אַמאָל, זיינען מיר אַלע געשטאַנען אין „ראַיען״[242], נאָך ברויט געווייינליך, האָט ער דערזען מיין מאַן, איז ער צו אים צוגעגאַנגען זיך מפלפל זיין אין תורה.

די קלייט[243] איז געווען לעבן די פענצטער פון דער הויז פון נ.ק.וו.ד. און ער האָט אַזוי אָנגעהויבן בקול־רם אַרויסזוייזן לומדות, און אַלע „גויים״ האָבן זיך אַרום געקליבן קוקן וואָס טוט זיך דאָ? און דאָס איז געווען ניט גאָר נויטיק.

בין איך צוגעגאַנגען צו זיי און געזאָגט דעם איד: „איך בעט אייך, שרייט ניט אַזוי, עס איז דאָך דאָ אַן „עין רואה, אוזן שומעת ומעשיך בספר נכתבים״ — וואָס טוט איר״? האָט ער מיר גלייך געענטפערט, אַז נ.ק.וו.ד. איז אויף אים קיין בעל־הבית ניט, פאַרשיקט האָט אים דער אויבערשטער, נאָר איך זאָל אים זאָגן: אַזוי ווי שטייענדיק אין ליין האָט מען אים געזאָגט אַז ער שטייט אין דעם тридцать шестой десяток [36׳טן צענדליק (אין רוסיש)][244], וויפלטער איז דאָס צענדליק? ער האָט ניט

242) בתור.
243) חנות.
244) ראה לעיל ע׳ 000 שהעומדים בתור חולקו לעשיריות.



תשובתו היתה: ״אם הבטחתי משהו לשניאורסון — יהיה הדבר קשה ככל שיהיה, אך לא אעבור על הבטחתי!״

לאחר־מכן הם יצאו אל השדה בשלושה כדי למצוא חלקת אדמה לחפור בה את הקבר. הם עצרו כשמצאו מקום מתאים, לא הרחק מבית־הרפואה. הצורך לחפש מקום מתאים נבע מכך שהקבורה לא היתה יכולה להיעשות בצורה גלויה מדי, בפרט לנוכח העובדה שבראש הפעולה עמד ״חוטא״ מפורסם...[122]

בעלי מסר לרב הבוכרי ולגבאי ה״חברה קדישא״ את כל ההוראות הנחוצות, נכנס שוב לבדו אל בית־הרפואה כדי לבקש מחילה מהנפטר, ולאחר־מכן הלך מיד הביתה, כדי שלא יבחינו בו.

בשעה ארבע אחר־הצהריים הגיעו לביתנו שני העוסקים בהלויית המת. הם היו מלאי־סיפוק והודו רבות לבעלי על כך שזיכה אותם במצוה שכזו.

הרב דיבר כאדם יודע־ספר במידת־מה. הגבאי היה עם־הארץ, שלא ידע ולו מלה אחת באידיש, ועל לשון־הקודש לא היה מה לדבר כלל. אך בשל גודל התפעלותו, אותה רצה לבטא בפני בעלי, הוא לחץ בחוזקה את ידו, ואמר: ״לחיים, רבי!״

היו אלה המלים היחידות שיהודי זה ידע בלשון־הקודש. אמירה זו היתה מתוך רגש עז, שדומתני שאין למצוא כמותו בקרב יהודים לא־קאזאחיים.

אנשים החיים בתנאים רגילים אינו מסוגלים להבין את גודל ערכו של המעשה שהוציא כאן בעלי אל הפועל, ואת מידת הקושי הכרוך בכך. לפי הבנתי — כך נראה לי — ניתן לכנות זאת ״גבורה שבקדושה״.

שגור היה בפיהם של היהודים במקום, ובוודאי בפי המבוגרים שבהם, משפט שנאמר בחיוך מעורב בפחד מר: אין אני מתאווה לשכב יחד עם הקאזאחים! ובמקרה זה עוד היה מדובר ביהודי בודד וגלמוד, שמשפחתו עזבה אותו לאנחות.

## הדיירת שלא הגיעה

משרבו[123] המפונים שהגיעו לכפרנו, נעשה קשה הרבה יותר להשיג

122) הכוונה לרלוי״צ.
123) הרבנית חוזרת בתיאור זכרונותי׳ מהשנים הקודמות (תש״ב־ג), בה חגגו את החגים ביחידות, בניגוד לשנת תש״ד שבה כבר התכנס מניין, כנ״ל.

הפעמים שבעלי הלך לשם כדי לבקר את החולה, הוא ראה שמצבו הבריאותי הורע מאוד. הוא התוודע איפוא אל הרופאים במקום, אחד מהם גולה בעצמו, וביקש מהם שיטפלו בו היטב.

כעבור מספר ימים הודיע הרופא הגולה לבעלי שהחולה נפטר. עמדה בפניו איפוא שאלת הבאתו לקבורת ישראל. בית־קברות יהודי לא היה במקום.

בעלי הצטער מאוד על פטירתו של האיש, והחל מיד לעסוק בנושא הקבורה. הוא הלך מיד אל הרופא, ועלה בידו להבטיח שגופת הנפטר תישמר בבית־הרפואה למשך שלושה ימים, ולא תבוצע בה נתיחה שלאחר המוות (כפי שנהגו לעשות שם בגופותיהם של כל המתים ממחלת הטיפוס).

לאחר־מכן הלך בעלי אל משרד הטלגרף — בידעו שכל צעד שלו נתון להשגחה — ושלח מברק לקהילת קזיל־ארדא, בבקשה שנציג הקהילה יגיע לכאן, כשהוא מסביר את מטרת הבקשה. הוא חתם על המברק רק בשמו הפרטי, ללא שם משפחתו.

למחרת הגיע מקזיל־ארדא הרב המקומי, יהודי בוכרי, שכפי שכבר תיארתי[121] — עסק בשעות היום בצחצוח נעליים לפרנסתו, ולפנות ערב היה הולך לבית־הכנסת וממלא את תפקידו כ"חכם" העיר. מבחינת ידע תורני הוא היה רחוק מלהיות בור גמור.

יחד עם ה"חכם" הגיע גבאי ה"חברה קדישא", יהודי קאזאחי, לבוש בבגדים קאזאחיים ועטוף בצעיף אדום גדול. הוא היה אדם פשוט, עבה־גוף ובעל פנים מגושמות. נראה שלא ידע לקרוא "עברי", אבל היה ירא־שמים גדול.

אנשים אלה הביאו עמהם את כל הדרוש — קרשים לארון, ואפילו בד פשתן חדש לצורך התכריכים. בנו של הגבאי היה קצין בצבא, והגבאי הורה לו לספק לו בד פשתן חדש בכל כמות שתידרש. גם את הקרשים הוא סיפק, שכן שני דברים אלו לא היו ניתנים להשגה לאנשים רגילים.

השניים הגיעו מנסיעתם היישר לביתנו. הם התיישבו מיד על הארץ, כנהוג אצלם, אכלו את המזון שהביאו עמהם, והחלו לבקש הוראות כיצד לנהוג.

לכל לראש היה צורך ללכת לבית־הרפואה, כדי לדעת אם הרופא אכן קיים את הבטחתו, ולא מסר את המת לקבורה יחד עם הנוצרים.

121) לעיל ע' 000.



געוואוסט גוט די ציפערס אויף רוסיש — האָט מען אים גערעכנט אויך פאַר אַ פּאָליטיש שעדליכן עלעמענט.

צו אים איז געקומען זיין פרוי מיט זיין זון, אַ יונגער אינגל. מען האָט זיי ווי־ניט־איז איינגעאָרדנט. דעם אינגעל האָט קאָליקאָוו[142] באַשטעלט אַרבעטן אין קזיל־אָרדאַ ביי אַ שוסטער, ער זאָל פאַרדינען און עפּעס העלפן די עלטערן. אָבער דער „רביצין", איז ניט געפעלן געוואָרן דער לעבן אין טשילי, זי איז נעבעך געוועזן געזעכט.

דערווייל איז איר מאַן קראַנק געוואָרן, האָט זי אים גלייך אַוועקגעפירט אין „האָספּיטאָל", און אַליין, האָט זי געשאַפט עטליכע רו"כ, און איז אַוועקגעפאָרן צו זיך אַ היים.

* * *

## מסירות נפש אויף ברייגגען אַ אידן צו קבר ישראל

דער „האָספּיטאָל" איז געווען פינף קילאָמעטער פון אונז. איינמאָל, ווען מיין מאַן איז געגאַנגען אים מבקר חולה זיין, האָט ער שוין געזען אַז דער מצב אין געזונט איז זייער ניט גוט. האָט ער זיך באַקאַנט דאָרט מיט די דאָקטורים פון וועלכע איינער איז געווען אויך אַ „פאַרשיקטער", ער האָט זיי געבעטן מען זאָל אים צוזען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָט דער פאַרשיקטער רופא איבערגעגעבן אַז דער חולה איז נפטר געוואָרן. איז דאָך געוואָרן די שאלה פון קומען צו קבורת־ישראל. קיין אידישער בית־עולם איז דאָרט ניט געווען.

ער האָט זיך זייער געערגערט[245], און גענומען עוסק זיין אין דעם. גלייך איז ער אַוועק צום רופא און גע'פּועל'ט אַז מען זאָל אים האַלטן דריי טעג, און מען זאָל אים ניט „אויף עפענען"[246], ווי מען האָט דאָרט געטאָן מיט אַלע „טיף" קראַנקע.

דערנאָך איז ער אַוועק אין טיעלעגראַף־אָפיס — ווייסנדיק אַז מען

245) התמרמר; הצטער.

246) הכוונה שלא יעשו נתיחה שלאחר המוות (Autopsy).

קוקט אים נאָך יעדער טריט — און געשיקט אַ טיעלעגראַמע אין קזיל־אָרדאַ׳ר קהילה, אַז עס זאָל קומען צו פאָרן אַ מענטש פון דער קהילה, און געשריבן צוליב וועלכען צוועק, און גע׳חתמ׳עט נאָר דעם ערשטן נאָמען אָן דעם צווייטן נאָמען.

אויף מאָרגן איז געקומען פון קזיל־אָרדאַ דער דאָרטיקער רב, אַ בוכאַרער איד, וואָס ווי איך האָב שוין געשריבן[247] אַז בייטאָג פוצט ער „שיך" — דאָס איז זיין פרנסה, און פאַרנאַכט גייט ער אין „שול" און איז דער חַכַם פון שטאָט — ניט גאָר קיין פראָסטער אין לערנען.

צוזאַמען מיטן חַכַם איז אויך געקומען דער גבאי פון דער חברה־קדישא, אַ קאַזאַכישער איד, אָנגעטאָן אין זייער הלבשה, מיט אַ גרויסן רויטן שאַרף, מיט זייער אַ מגושמ׳דיקן פנים, אַ דיקער, אַ פשוט׳ער, האָט דאַכט זיך קיין „עברי" ניט געקענט, נאָר זייער אַ פרומער.

זיי האָבן מיט זיך געבראַכט אַלץ וואָס מען דאַרף: ברעטער, אפילו נייע לייוונט אויף די קליידער. דעם גבאי׳ס זון איז געווען אַן אָפיצער אין מיליטער, האָט ער אים געהייסן ער זאָל אים צושטעלן נייע לייוונט, וויפל מען האָט געדאַרפט, און די ברעטער האָט ער אויך געגעבן. ווייל דיביידע זאַכן האָבן געוויינליכע מענטשן ניט געקענט באַקומען.

פאַרפאָרן זיינען זיי צו אונז, מען האָט זיך גלייך אַוועקגעזעצט אויף דער „ערד", ווי ביי זיי איז דער מנהג, און האָבן אָפּגעגעסן וואָס זיי האָבן מיט זיך געבראַכט, און האָבן אָנגעהויבן בעטן „אינסטרוקציעס" איך להתנהג?

דאָס ערשטע האָט מען געדאַרפט גיין אין „האָספיטאָל" זיך צו דערוויסן צו דער רופא האָט געהאַלטן וואָרט, און האָט אים ניט אַוועקגעגעבן מקבר צו זיין מיט די קריסטן. דער ענטפער איז געווען: "אַז איך האָב שניאורסאָהנ׳ען צוגעזאָגט, קען דאָס מיר זיין ווי שווער, וועל איך אַנדערש ניט טאָן".

דערנאָך זיינען זיי אין דרייען אַוועקגעגאַנגען אין פעלד צו געפינען אַ שטיקל ערד, וואו גראָבן דעם „קבר", און מען האָט זיך

247) לעיל ע׳ 000.



## דרכו האחרונה של יהודי מפולטבה

גלי הקור — כמו להכעיס — נעשו חזקים למדי, והמחסור באוכל לשובע, או אף הרעב ממש, גרמו להתפשטותה של מחלת הטיפוס ר"ל יותר ויותר בקרב אנשים רבים.

אחד הגולים היה יהודי מפולטבה, שבעירו נהג לומר שיעור ב"עין יעקב" בבית־הכנסת, ולכן נחשב לרב (רב של ממש כבר לא היה אז בפולטבה), וגם הוא הוגלה לכפרנו. אדם זה הידרדר לדיוטא כה תחתונה עד שהיה פשוט מתהלך ומבקש נדבות, מיהודים ומלא־יהודים כאחד.

אני זוכרת שפעם אחת עמדנו כולנו בתור — ללחם כמובן — וכשראה הלה את בעלי, ניגש אליו והחל לפלפל אתו בדברי תורה. חנות הלחם היתה סמוכה לחלון בית הנ.ק.וו.ד., והלה החל להפגין את למדנותו בקול רם, כשכל הגויים מתאספים מסביב כדי לראות את המתרחש... היה זה מצב בלתי־נחוץ בעליל.

ניגשתי איפוא אליהם, ואמרתי לאותו יהודי: "בבקשה מכם, אל תצעקו כל־כך! הרי יש כאן 'עין רואה ואוזן שומעת ומעשיך בספר נכתבים' — מה אתם עושים?!"

האיש ענה לי מיד, שהנ.ק.וו.ד. אינם "בעלי־הבית" שלו, ומי ששלח אותו לכאן הוא הקב"ה!... אך הוא מבקש שאסביר לו: בעומדו בתור נאמר לו שהוא עומד בעשירייה השלושים־ושש[120], אך המספר צויין ברוסית, ורצונו לדעת מהו מספרה של עשירייה זו... אדם זה לא ידע היטב את שמות המספרים ברוסית, אך נחשב בעיני השלטונות כאלמנט מזיק מבחינה פוליטית!

בשלב מסויים הצטרפו אליו אשתו ובנו, שהיה נער צעיר. איכשהו סודר עבורם מקום מגורים. עבור הנער סידר קוליקוב[66] עבודה כשוליה אצל סנדלר בקזיל־ארדא, כדי שישתכר ויסייע במשהו להוריו.

אלא שהחיים בציאילי לא מצאו חן — ובצדק, למרבה הצער — בעיני ה"רבנית". בינתיים חלה בעלה, והיא מיהרה להוביל אותו אל בית־הרפואה, ובעצמה השיגה כמה רובלים ונסעה לביתה.

בית־הרפואה היה במרחק חמישה קילומטרים מביתנו. באחת

120) ראה לעיל ע׳ 000 שהעומדים בתור חולקו לעשיריות.

איז ניט געקומען. ווען דער בעל־הבית׳טעס טאָכטער פלעגט אַריינקומען מיט תביעות, האָבן מיר געוויזן דעם „אָרדער״ אַז עס איז פאַרנומען.

נאָך יום־כיפור, באַגעגנט די טיטשערין מיין מאַן, און פרעגט אים אויף אידיש: „רבי, ווי האָט זיך אייך געפאַסט? איך האָב אויך געפאַסט״.

אַז ער האָט איר געפרעגט, פאַרוואָס איז זי ניט געקומען, האָט זי דערציילט: אַז כדי צו ראַטעווען איר לעבן, האָט זי זיך אין פולין געמאַכט אַ קריסטליכן פאַספּאָרט, און זי האָט די גאַנצע צייט געלעבט ווי אַ „פולישע״, און מיט דעם פאַספּאָרט איז זי געקומען אין „טשילי״ אויך.

„אַז איך בין אַריין צו אייך — אַזוי האָט זי געזאָגט — און האָב אייך דערזען, האָב איך גלייך מחליט געווען אייך ניט שטערן די רו. וואָרינט אייך געזונטערהייט, האַלט מיין „אָרדער״ וואָס איך האָב ביי אייך געלאָזט, און אַז ווער וועט קומען צו אייך וועגן דעם צימער, זאָלט איר זאָגן אַז איך וואָוין ביי אייך״.

— אַזוי פלעגן זיך דורכוואַרפן קליינע שמחה׳לעך אין אונזער לעבן, און אַלעמאָל האָט דאָס געהאַט צו זאָגן מיט דעם כבוד און באַציאונג וואָס מען האָט צו אים געפילט, אפילו נאָר זעענדיק אים דעם ערשטן מאָל —

דערנאָך פלעגט די לערערין אַריינקומען צו אונז נאָך עצות, זי האָט געזוכט איר מאַן, וואָס זי האָט ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך.

אין אַ צייט אַרום איז זי געקומען דערציילן, אַז זי האָט געטאָן אַלץ ווי מען האָט איר גע׳עצה׳ט, און זי האָט שוין מיט אים אַ שריפטליכע פאַרבינדונג. ער אַרבעט אין אַ ווייטער „רעספּובליקא״[255], אויך אין רוסלאַנד.

זי האָט געאַרבעט דאָ אַלץ טיטשערין אויף דעם קריסטליכן פאַספּאָרט.

אַז זי איז אַ אידישע, האָבן נאָר מיר געוואוסט.

* * *

255) רפובליקה. (ברית המועצות היתה מחולקת ל„רפובליקות״ אוטונומיות במדה זו או אחרת).



אָפּגעשטעלט אויף אַ שטיקל פלאַץ ניט ווייט פון „האָספּיטאַל״, ווייל דאָס האָט זיך געדאַרפט טאָן ניט גאָר בגילוי, דער עיקר ווייל דער אָנפירער פון דער אַרבעט[248] איז געווען אַן אָנגעזעענער „חוטא״.

ער האָט איבערגעגעבן דעם בוכאַרער רב מיט דעם חברה קדישא גבאי אַלץ וואָס צו טאָן, און אַליין איז ער אַריין אין „האָספּיטאַל״ בעטן דעם נפטר מחילה, און איז גלייך אַוועק אַ היים, מען זאָל אים ניט באַמערקן.

* * *

## לחיים, ראַבי!

פיר אַזייגער פאַרנאַכט זיינען געקומען די עוסקים „בהלוית המת״, זיי זיינען געווען צופרידן און שטאַרק געדאַנקט מיין מאַן וואָס ער האָט זיי געבראַכט צו אַזאַ „מצוה״.

דער רב האָט גערעדט ווי אַ איד וואָס ווייס אַ ביסל, אַ שטיקל יודע־ספר. דער גבאי איז געווען אַן עם־הארץ וואָס האָט ניט געקענט איין וואָרט ניט אויף אידיש, און וועגן לשון־קודש איז ניטאָ וואָס צו רעדן. נאָר פון גרויסע התפעלות, וואָס ער האָט געוואָלט אַרויסווייזן מיין מאַן, האָט ער אים שטאַרק געדריקט די האַנט, און געזאָגט: „לחיים ראַבי״. דאָס איז געווען דער איינציקער וואָרט וואָס ער האָט געוואוסט. אין דעם זאָגן איז געווען אַ שטאַרקער געפיל, וואָס דאַכט זיך, ביי ניט אַ קאַזאַכישן אידן, קען דאָס ניט זיין.

## גבורה שבקדושה

מענטשן וואָס לעבן אין נאָרמאַלע באַדינגונגען קענען ניט פאַרשטיין די גרויסקייט און שווערקייט פון דער אַרבעט וואס מיין מאַן האָט דאָ דורכגעפירט.

נאָך מיין פאַרשטאַנד, אַזוי ווייזט זיך מיר אויס, אַז מען קען דאָס אָנרופן, גבורה שבקדושה.

248) הכוונה לכ״ק הרלוי״צ.

יעדער איד, געוויינליך מער עלטערע מענטשן, פלעגן רעדן מיט אַ שמייכל פאַרמישט מיט אַ ביטערן פחד: עס גלוסט זיך ניט ליגן מיט די קאַזאַכן!! און דאָס איז געבליבן אַן עלנטער איד, איינער אַליין, וואָס די פאַמיליע האָט אים אַוועקגעוואָרפן.

* * *

## שניאורסאָהן וויל ניט קיין קריסטליכע שכנים

עס זיינען זיך אָנגעפאָרן היפש עוואַקואירטע[249], איז געוואָרן אַ סך שווערער מיט דירות. מען האָט אַרויסגעגעבן אַ שטרייינגע נאָרמע וויפל פלאַץ אַ מענטש האָט רעכט צו פאַרנעמען.

אין אונזער צימער האָבן, לויט דעם געזעץ, געמעגט וואָוינען פינף „פערזאָן". געוועזן זיינען מיר נאָר אין צווייען. דער פרינציפאַל פון דעם אַנשטאַלט פון די וואָוינונגען איז געווען אַ פאַרשיקטער קריסט, אַן אינזשיניער, האָט זיך מיט גרויס רעספעקט באַצויגן צו מיין מאַן.

דער אינזשיניער איז געווען אַ געלערנטער מענטש, ער האָט געהאַט אייגענע חיבורים אין מאַטעמאַטיק, און פלעגט מיט אים אַמאָל פאַרברייינגען אין דעם ווען זיי פלעגן זיך באַגעגענען. דאָס האָט אונז געדינט, וואָס ער האָט זיך געמאַכט ניט זעענדיק אונזער צימער, און האָט צו אונז קיין שכנים ניט געשיקט. דאָס איז געווען זייער אַ גרויסע טובה.

אָבער צו דער בעל־הבית'טע איז געקומען אַ טאָכטער מיט צוויי קינדער, וועלכע האָט גלייך גענומען שיקן „פאַפירן" אין КОММУНХОЗ[250] אין דעם אַנשטאַלט וואָס איך האָב אויבן געשריבן, געוויינליך צו דעם פרינציפאַל.

אים איז געוואָרן גאַנץ ענג, ווייל ער איז דאָך אויך געווען אַ פאַרשיקטער, האָט ער געדאַרפט זיין „פאָרזיכטיק" אין זיין אַרבעט. און זי האָט אָנגעוויזן אַז: אַ פאַרשיקטער „איד" פאַרנעמט אַזאַ גרויסן צימער,

249) הרבנית חוזרת בתיאור זכרונותי' מהשנים הקודמות (תש"ב־ג), בה חגגו את החגים ביחידות, בניגוד לשנת תש"ד שבה כבר התכנס מניין, כנ"ל.
250) = משרד מגורים משותפים; שירותים קהילתיים.



נאָר זאַלבענאַנד[251], און זי, אַן אמת'ע פראָליטאַרקע[252], מיט צוויי קינדער, און אַ קאָמוניסטקא אויך, האָט ניט וואו צו זיין, האָט זי דעריבער געפאָדערט אַז מען זאָל איר גלייך איינאָרדענען ביי שניאורסאָהנ'ען אין צימער, ווייל עס איז לעבן איר מוטער.

דער פרינציפאַל האָט שוין מער ניט געקענט ציען, האָט ער אַרויסגעגעבן אַן ערלויבעניש צו אַ לערערין, אַן איידעלער מענטש, וואָס האָט זיך צו אים געווענדעט נאָך אַ צימער, זי האָט אויך געהאַט אַ קינד, האָט ער מחליט געווען לטובתינו, אַז זי זאָל צו אונז גיין.

דער פרינציפאַל האָט איר אַרויסגעגעבן אַן „אָרדער", און זי איז אַריין צו דער בעל־הבית'טע — אַזוי איז געווען דער סדר — האָט איר געוויזן דעם „אָרדער", און האָט איר נאָך געזאָגט, אַז שניאורסאָהן וויל ניט קיין קריסטליכע שכנה, איך וועל אים ווייזן ווי איך וועל ביי אים וואָוינען. און דערנאָך איז זי אַריין צו אונז. עס איז זיך געוואָרן גאַנץ ניט געשמאַק, נאָר וואָס קען מען טאָן.

* * *

## אַ וואָך נאָך אַ וואָך און זי איז ניט געקומען

איך געדיינק, עס איז געווען נאָענט צו יום־כיפור, ער האָט מיט טרערן אויף די אויגן מיט מיר גערעדט: ווי וועל איך דאַוונען. היינט אַ חוץ אַלעמען, די שאלה פון כשרות, און אין איין צימער, און איין פליטא[253], אַ קליין קינד וואָס שרייט שטענדיק.

מיר האָבן אָנגעהויבן טראַכטן ווי אַזוי צו לעבן מיט איר בשלום. צו יום־כיפור איז נאָך געווען צוויי וואָכן, אָבער ער האָט זיך שוין געגרייט פלאַנעס[254] עפּעס ווי צו טאָן.

זי האָט איבערגעלאָזט דעם „אָרדער", דאָס הייסט אַז זי האָט שוין דעם צימער פאַרנומען, אָבער עס איז אַוועק אַ וואָך נאָך אַ וואָך און זי

251) שניהם יחד.
252) בת מעמד הפועלים.
253) כירה, כירים.
254) תכניות.